תפילה און תחנונים מיט דאַנק, זאָלן אייערע פאַר־
7 לאַנגען בּאַקאַנט ווערן צו ג־ט. און דער שלום
פון ג־ט, וואָס איז העכער פון יעדער פאַרנונפט,
וועט בּאַוואַכן אייערע הערצער און אייערע מחשבות
אינם משיח ישוע.
8 צום סוף, בּרידער, אַלץ וואָס איז נאָר אמת,
בּכבודיק, גערעכט, לויטער, ליבּלעך, האָט אַ גוטן
שם; אויב אַ טוגנט און אויב עפּעס צום לויבּן,
9 זאָלט איר דערפון נאָכטראַכטן. די זאַכן, וועלכע
איר האָט געלערנט און אָנגענומען און געהערט און
געזעען אין מיר, די דאָזיקע זאָלט איר טון: און
דער ג־ט פון שלום וועט זיין מיט אייך.
10 און איך האָבּ מיך זער געפריידט אינם האַר, אַז
איר האָט ווידעראַמאָל בּאַלעבּט אייער זאָרגן פאַר
מיר; איר האָט מיך טאַקע תמיד אין זינען געהאַט,
11 נאָר עס האָט אייך געפעלט אַ געלעגנהייט. נישט
אויס נויט זאָג איך דאָס; וואָרום איך האָבּ געלערנט,
אין וואָס פאַר אַ מעמד איך זאָל מיך נישט געפינען,
12 אויסצוקומען מיט דעם, וואָס איך האָבּ. איך ווייס
(וואָס עס איז) צו זיין דערנידעריקט, און
ווייס (וואָס עס איז) צו האָבּן אַ שפע; איך האָבּ
געלערנט אין אַלץ און אין אַלעם, סאַי זאַט צו זיין
סאַי צו ליידן הונגער, סאַי צו האָבּן אַ שפע סאַי
13 צו ליידן נויט. איך קען אַלץ (פאַרטראָגן) דורך
14 אים, וועלכער שטאַרקט מיך. דאָך האָט איר גוט
געטון דערמיט, וואָס איר האָט געהאַט חברותאשאַפט
15 מיט מיך אין מיין ליידן. און אַפילו איר, פיליפּער,
ווייסט, אַז אין אָנהויבּ פון דער בּשורה טובה, ווען
איך האָבּ פאַרלאָזט מאַצעדאָניען, האָט קיין איין
קהלה מיט מיר נישט געהאַט קיין חברותאשאַפט
וואָס שייך דער פראַגע פון געבּן און נעמען, אַחוץ